**תמצית הגליון:**

הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די לייגער


# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם...


בעזרת השי"ת ▪ פרשת בשלח תשפ"א ▪ גליון קי'


# פון וואו קומט דיין פרנסה?
# פון דיין דזשא"ב אדער פונעם אייבערשטער?

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס
### פון די "פרשת המן" מיט אירע אלע דעטאלן ארום...

**פרשת המן:** דעם דינסטאג ג' בשלח, האבן אידן פון אלע שיכטן אין קרייזן ערליך געזאגט דעם פרשת המן שני מקרא ואחד תרגום, נאכפאלגנדיג דעם מנהג און סגולה פונעם צדיק הרה"ק ר' מנחם מענדל מרימנוב זצוק"ל.

"היות עס איז א סגולה פאר פרנסה, וועלכע איד דארף דען נישט פרנסה??!!" אבער לאמיר זיך א מינוט אפשטעלן און געבן א טראכט, "וואס איז דער סוד?" פארוואס איז זאגן פרשת המן אזוי מסוגל פאר פרנסה, עד כדי כך אז דער דער תשב"ץ (רנ"ז) זאגט נאך פונעם ירושלמי, "**כל האומר פרשת המן בכל יום מובטח לו שלא יתמעטו מזונותיו**" און דער תשב"ץ ענדיגט צו, "ואני ערב לו... איך בין ערבות אויף די הבטחה."

קען דען זיין אז בלויז דורכ'ן זאגן פרשת המן, האט דאס אזא שטארקן כח??!!

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען "יסודות" פאר די וואך....

## פרשת המן

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם וְיָצָא הָעָם וְלָקְטוּ דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ הֲיֵלֵךְ בְּתוֹרָתִי אִם לֹא** (שמות טז, ד).

דער אייבערשטער זאגט פאר משה: איך גיי מאכן רעגענען ברויט פון הימל. פון היינט און ווייטער דארף מען זיך שוין מער נישט פלאגן פאר פרנסה, מען דארף נישט זייען, אקערן, וכדו'... עס גייט רעגענען ברויט יעדן אינדערפרי באזונדער! און דער עולם וועט קענען קלויבן פון דעם וויפיל מען דארף, גענוי וויפיל עס פעלט זיך אויס פאר זיין הויז-געזונט...

וכך והוי... **וַתַּעַל שִׁכְבַת הַטָּל וְהִנֵּה עַל פְּנֵי הַמִּדְבָּר דַּק מְחֻסְפָּס דַּק כַּכְּפֹר עַל הָאָרֶץ** (שמות טז, יד). ט"ז אייר אינדערפרי, א חודש נאכן ארויסגיין פון מצרים, זענען די אידן אויפגעשטאנען צו א מחזה הוד, עפעס וואס זיי האבן נאך קיינמאל אין זייער לעבן נישט געזעהן.

די גאנצע ערד איז באדעקט געווארן מיט טויזנטע ווייסע גלאנציגע שניי בונדלעך, עפעס א נייע סארט עסן...

"א מין שפייז" וואס זיי האבן נאך קיינמאל נישט געזעהן, נישט אין אויסזעהן, נישט אין טעם און נישט אויף די אופן וואס זיי האבן עס באקומען: מכובד'יג שיין געפאקט מיט טוי פון אויבן, טוי פון אונטן און די פיינע פרישע מן אינדערמיט, גרייט צום עסן. (יומא עה)

**וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו "מָן הוּא", כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא...** זאגט דער כתב סופר: ווען דער מן איז געפאלן די ערשטע מאל, האבן זיי נישט געוואוסט וועלכע סארט מאכל דאס איז און יעדער איז געלאפן טועם זיין און פרובירן פארשטיין איר טעם...

וואס האט פאסירט? יעדער לויט ווי זיין השגה אין עסן איז דעמאלטס געווען, אזוי האט זיך דער מן געשפירט פאר אים. אויב ער איז דעמאלטס געווען אין דער גיסטע פון עסן פלייש, האט דער מן געשפירט א טעם פון פלייש. אויב ער איז געווען אין דער גיסטע פון עסן פיש, האט דער מן געשפירט ווי פיש, וכן כולם...

די אידן זענען געשטאנען אין א קופקע, ווען איינער האט זיך אנגערופן צום צווייטן: "**אה איז דאס גוטע פלייש**", האט דער חבר זיך שנעל אנגערופן, "וואס רעדסטו? **דאס איז פיש! פיינע גוט פיש!**"

**וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו "מָן הוּא", כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא.** זיי האט נישט געקענט צוטרעפן וועלכע סארט מאכל דאס איז וואס קען האבן אין זיך אזויפיל אנדערע טעמים. (כתב סופר)

און דער גרעסטע פליאה מער ווי אלעם איז געווען אז דער עסן איז געווען גרייט כמו שהוא און מען האט גארנישט געדארפט טוהן...

ווי דער מלבו"ם געבט צו פארשטיין: אפי' ווען משה רבינו האט זיי




פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

שוין געזאגט, "**וּבַבֹּקֶר תִּשְׂבְּעוּ לָחֶם**" (טז, יב). עס גייט קומען ברויט, האבן זיי נישט געהאט קיין שום מושג וואס צו ערווארטן. די מערסטע וואס זיי האבן פארשטאנען איז געווען אז עס וועט זיין עפעס ענדליך צו וואס זיי האבן געהאט ביז יעצט, מן הסתם א מין בונדל ווי חטה אדער שעורה וואס קומט אויסגעמישט מיט פסולות און מען דארף דאס ווינט-שוויולען, קלויבן, צומאלן, זייען וכו'. מען וועט דארפן ארבעטן שווער פאר דעם, אבער עס וועט זיך לוינען ווייל מען וועט קענען נעמען וויפיל מען וועט וועלן. **אבער דאס וואס איז באמת אנגעקומען, האבן זיי זיך בכלל נישט געראכטן.** (מלבי"ם טז, טו)

מיט דעם טייטשט דער מלבי"ם: **וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו "מָן הוּא"**, איינער האט געזאגט פארן צווייטן איידער'ן עסן, **"מָן הוּא"**, מיינענדיג צו זאגן אז מען דארף דאס נאך אנגרייטן מיט עטליכע הכנות איידער מען קען דאס עסן, [כי מן הוא מענין הכנה כמו אשר מנה את מאכלכם (דניאל א)], **וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם הוּא הַלֶּחֶם**. אבער ניין, **הוא הלחם**, דאס אליין איז שוין די ברויט **אשר נתן ה' לכם לאכלה**, עס איז שוין גרייט צום עסן, בלא שום הכנה. (מלבי"ם טז, טו)

ד"ה: ווען א איד האט אהיים געברענגט א קארב פון מן, האט ער אהיים געברענגט א גאנצע גראסער'י ארדע"ר פון פיש, פלייש, וויין און חלות. ער האט שוין גארנישט מער געדארפט...

**דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ:** דער דאזיגע ערשיינונג איז נישט געווען אן איין-מאליגן פאסירונג, נאר מדי יום ביומו. יעדן טאג באזונדער האט יעדע איד באקומען אזא ארדע"ר אינעם מדבר...

און אויב מען טראכט אז זיי האבן געדארפט ארבעטן שווער דאס צו באקומען, ניין! נעבן זייער טיר איז דאס געווארן דעליווער"ט... מען האט נאר געדארפט עפענען דעם טיר און אט איז דארט געשטאנען גרייט די גאנצע גראסערי ארדער.

לאמיר זיך א מינוט אפשטעלן און מתבונן זיין....

## פארוואס האט דער אייבערשטער דאס געמאכט?

מיר וויסן דאך אז פונעם טאג וואס אדם הראשון האט געגעסן פונעם עץ הדעת, האט דער אייבערשטער געזאגט, "**בזיעת אפיך תאכל לחם**. געענדיגט! דו באקומסט מער נישט קיין ברויט סערווירט ווי א מלך, דו דארפסט ארבעטן און שוויצן פאר דעם..."

אויב אזוי, וואס האט פאסירט יעצט אינעם מדבר אז דער טבע האט זיך געטוישט? מען דארף זיך שוין נישט פלאגן, מען דארף נישט זייען און אקערן, מען האט פרנסה וויפיל מען דארף! איז דער קללה בטל געווארן?

ניין! דער קללה איז אודאי נישט בטל געווארן. אינעם מדבר האט מען אויך געדארפט מאכן עפעס השתדלות, ווי דער פסוק זאגט ווייטער: **זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לִקְטוּ מִמֶּנּוּ אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ עֹמֶר לַגֻּלְגֹּלֶת מִסְפַּר נַפְשֹׁתֵיכֶם אִישׁ לַאֲשֶׁר בְּאָהֳלוֹ תִּקָּחוּ** (טז, טז). סוף כל סוף, האט דער מענטש דאס געדארפט קלויבן. אבער איין בייג איז גענוג! מען האט נאר געדארפט זיך אראפבייגן און אויפהייבן וויפיל מען האבן געדארפט פאר די משפחה, דערנאך דאס געלייגט אויפן טיש און מען האט געהאט א גרייטע סעודה.

ד"ה: אינעם מדבר האט מען אויך געדארפט מאכן השתדלות, אבער נישט די זעלבע גרויסע שווערע השתדלות וואס האלט א מענטש פארנומען רוב צייט פונעם טאג!

ווייל די אידן אינעם מדבר זענען געווען א דור דעה, מענטשן וואס האבן געזעהן און מיטגעלעבט עין בעין יראו דעם געוואלדיגע השגחה עליונה. זיי האבן געלעבט מיט א שטארקע אמונה און בטחון, כל כולה אנגעהאנגען אויפן השגחה עליונה. אזעלכע אידן דארפן טאקע נישט מאכן קיין גרויסע השתדלות...

ווי דער באר מים חיים (פרשת נח) זאגט, "אויב א מענטש וואלט געהאט אמת'ע בטחון, אפילו אויב ער וואלט ארויף אויף א שפיץ בוים, וואלט איהם די פרנסה געמוזט דארט נאכלויפן."

ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי ר' זושא כמעט קיין השתדלות נישט געמאכט נאר כסדר געזאגט נאכן דאווענען, "טאטע! זושא איז הונגעריג" און עפ"י נס איז שטענדיג אנגעקומען צו אים זיין עסן....

ווייל פאר די אידן איז יעדע פעולה פון השתדלות נאר א שטער. די מער צייט זיי האבן, אלץ מער צייט וועלן זיי עוסק זיין בעבודת הקודש און דינען דעם הייליגן באשעפער.

און טאקע אזא איינער וואס איז נישט אזוי מחובר צום בורכ"ע, **ער** דארף טאקע ארבעטן שווערער. הגם סתם אזוי איז דאס שווער צו באמערקן, האט מען דאס געזעהן זייער קלאר ביי די מן...

## דער מן אנטפלעקט סודות!

זאגט די גמרא אין יומא (עה.): **תניא ר' יוסי אומר: כשם שהנביא היה מגיד להם לישראל מה שבחורין ומה שבסדקין, כך המן מגיד להם לישראל מה שבחורין ומה שבסדקין.** פונקט ווי דער נביא האט געזאגט פאר די אידן אלע באהאלטענע זאכן און מען האט נישט געקענט לייקענען פאר א נביא, אזוי האט דער מן געזאגט באהאלטענע זאכן פון דער מענטש און עס איז געווען שווער זיך אויסצובאהאלטן פון דעם.

**שטעלט אייך פאר די מראה:** ר' אברהם שטייט אויף אינדערפרי, ער עפענט אויף זיין טיר, ער וויל אויפהייבן דעם גראסערי ארדער וואס ער באקומט טעגליך אבער... ער זעהט דאס נישט! עס ליגט נישט נעבן זיין טיר! ער קוקט ביים שכן אבער זיינע ליגט יא ביי זיין טיר! "אוי ווי, וואו איז מיינע?!" (נארמאל וואלט מען געקענט א כאפ טוהן יענעם'ס אבער ביי דער מן האט דאס נישט געארבעט!) ער קוקט אביסל ווייטער און זעהט דארט זיין מן. "אבער פארוואס האט דער דעליווער"י מאן דאס היינט געלייגט אזוי ווייט פון מיין שטוב?"

ר' אברהם לויפט שנעל צו זיין שכן ר' יצחק און פרעגט אים פשט. זאגט אים דער שכן... "ר' אברהם, וואס זאל איך אייך זאגן? מסתמא האסטו זיך נעכטן פארזינדיגט מיט עפעס... און דאס האט גורם געווען אז דיין מקור הפרנסה זאל זיך אביסל דערווייטערן פון דיר. אפשר איז

דיין אמונה און בטחון לעצטנס געווארן אביסל שוואכער?" ר' אברהם שפרינגט גלייך אויף, "נו, ממילא, וואס האט דאס מיט מיין פרנסה?!"

געבט דער שכן ר' יצחק צו פארשטיין, "דער קללה פון בזיעת אפיך תאכל לחם איז נאר אזויפיל גילטיג לויט וויפיל זינד מיר טראגן. מער זינד= מער ארבעט, ווייניגער זינד= ווייניגער ארבעט... וועולה על כולה איז דער מדת הבטחון...

(ווי דער גמרא זאגט אין יומא: **צדיקים ירד על פתח בתיהם**, א צדיק האט דאס באקומען ביי זיין טיר. **בינונים יצאו ולקטו**, א בינוני האט שוין געדארפט ארויסגיין אביסל מחוץ למחנה אפצונעמען זיין מן. **רשעים שטו ולקטו**, אבער א רשע האט געדארפט גיין און גיין ביז ער האט געקענט באקומען זיין מן.) [א]

ר' יצחק איז ממשיך, "זאגט נאר ר' אברהם, אפשר זענט איר טועם דעם מן. לאמיר זעהן וועלכע טעם דיין מן האט?" ר' אברהם וואונדערט זיך, "טועם זיין? מען קען דאס נישט סתם אזוי טועם זיין! אויב וויל איך שפירן דעם גוטן טעם,[ב] דארף איך דאס צורייבן, באקן וכדומה..."

"איי איי", זאגט ר' יצחק, "איך בעט דיר ר' אברהם. טוה שנעל תשובה, הייב אן לעבן מיטן אייבערשטען, זיי זיך מחזק מיט אמונה אין בטחון, וועסטו זעהן ווי דיין מן ווערט בעסער און בעסער..."

(ווי די גמרא זאגט דארט אין יומא: דער עצם מן איז נישט געווען ביי אלעמען גלייך. ביי דעם צדיק איז דאס געווען ווי געבאקענע ברויט-גרייט צום עסן (**לחם**), ביי די בינונים איז דאס געווען ווי רויע טייג-גרייט, אבער מען דאס נאך געדארפט אפבאקן (**עוגות**), אבער ביי די רשעים איז דאס אינגאנצן נישט געווען גרייט, נאר ווי קערעלעך פון תבואה וואס מען דארף נאך קלויבן און צומאלן (**טחנו ברחים**).[ג]

**ווען מען וואלט געפרעגט אזא איד דעם הסבר**... "זאגט נאר ר' איד, פארוואס דארפט איר גיין אזוי ווייט פאר אייער פרנסה?" וואלט ער אודאי געענטפערט, "וואס הייסט? איך דארף דאך נעמען מיין פרנסה!! מיר איז אזוי באשערט!!"

אבער נאכן לערנען די גמרא, ווייסן מיר גוט דעם אמת! "ר' איד, נישט דיין פרנסה איז ווייט, נאר דיין אמונה און בטחון איז גאר ווייט, **וואלט דיין בטחון גרעסער געווען, וואלט דיין פרנסה נענטער געווען!"**

אזוי אויך, ווען מיר וואלטן געפרעגט דעם איד וואס האלט אינמיטן מאלן און קאכן זיין מן... "זאגט נאר ר' איד, פארוואס דארפסטו ארבעטן אזוי שווער פאר אייער פרנסה? נעם דעם באנדל און לייג עס אריין אין מויל! פארוואס דארפסטו דאס מאלן, פרעגלען, וכו'?" וואס וואלט דאס איד געזאגט? "וואס הייסט, איך דארף דאך דאס מסדר זיין, מען קען דאס נישט עסן סתם אזוי! ווער וויל עסן האניג א גאנצן טאג!"

אבער נאכן לערנען די גמרא, ווייסן מיר גוט דעם אמת, "ר' איד נישט דיין עסן איז דאס וואס דארף ווערן בעסער, נאר דיין אמונה אין בטחון איז דאס וואס דארף זיין בעסער. **וואלט דיין בטחון בעסער געווען, וואלט דיין עסן גרינגער געווען!"** (עי' באלשיך הק')

**וְהָאסַפְסֻף אֲשֶׁר בְּקִרְבּוֹ הִתְאַוּוּ תַּאֲוָה** (בהעלותך יא, ד בענין השליו). טייטשט הגר"מ שפירא: "**הִתְאַוּוּ**", די שוואכע אידן האבן געגליסט, "**תַּאֲוָה**", צו האבן א תאוה צו עסן פלייש. זיי האבן מער נישט געוואלט האבן דעם מן! פארוואס? ווייל עס איז געווען צו שווער פאר זיי דער ענין אז מען קען יעדן טאג זעהן ווער עס איז א צדיק און ווער עס איז א רשע. זיי האבן דאס ממש נישט געקענט דערהייבן, ווי די אידן האבן זיך אויסגעדריקט שפעטער אין פרשת חקת, "**כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל**..." (במדבר כא, ה)

## וואס איז מיט די פארדינסטן?

לערנענדיג די פרשה און הערנדיג די רייד, קומט באלד ארויף אויפן מחשבה, "נו, וואס זאל איך טוהן? די צדיקים האבן געהאט אמונה ובטחון, דערפאר האבן זיי געדארפט טוהן ווייניג השתדלות. אבער איך... איך האב נישט קיין ברירה, איך דארף דאך ארבעטן שווער פאר מיין פרנסה. לאמיר כאטש ארבעטן ווי מער כדי איך זאל פארדינען ווי מער!"

קומט דער תורה און איז אונז מגלה אין פרשת המן: אפשר וואלט אזא דמיון געקענט זיין אין מצרים, אבער נישט ביי די מן. ביי די מן האט מען תיכף געקענט זעהן אז דאס איז נישט קיין עסק...

ווייל נישט קיין חילוק וויפיל מען האט גענומען, סיי מער און סיי ווייניגער, ווען מען איז אנגעקומען אינדערהיים, האט מען געפונען פונקטליך... **אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ לָקָטוּ**. לויט וויפיל מענטשן עס איז געווען אין שטוב, אזוי פיל עומרים איז דארט געווען.

אפילו אן עבד און שפחה, אויב דער איד איז געווען דער וואס האט זיי געשפייזט, איז געווען אן איבריגע עומר פאר זיי[ד]...

און ווי רש"י זאגט: דאס איז פון די גרעסטע ניסים וואס איז געווען ביי די מן... **וז"ל: יש שלקטו הרבה ויש שלקטו מעט וכשבאו לביתם ומדדו**

---

[א] דב"ז למדו חז"ל מג' לשונות נפרדות שמצינו כ' בפרשת המן. אין פרשת במדבר שטייט **וברדת הטל על המחנה לילה** [ירד המן עליו] (יא, ט), איז משמע אז דער מן איז געפאלן ממש אין זייער מחנה, מען האט כמעט נישט געדארפט גיין נעמען די מן. אין פרשת שמות שטייט **ויצא העם ולקטו** (טז, ד), איז משמע אז מען האט געדארפט ארויסגיין חוץ למחנה נעמען דער מן. אין פרשת במדבר שטייט **שטו העם ולקטו** (יא, ח), וואס פון דעם איז משמע אז מען האט געדארפט גיין זייער ווייט צו נעמען דער מן. וועלכע איז ריכטיג? זאגט די גמרא: צדיקים...

[ב] עי' פי' רשב"ם עה"פ וטעמו כצפיחת בדבש (בשלח טז, לא.)

[ג] ג' לשונות אלה מצינו בלשון הפסוקים: שמות כתיב "**לחם** מן השמים" (טז, ד). במדבר כתיב ועשו אותו **עגות** (יא, ח). ושם באותו פסוק כתיב **וטחנו ברחים**.

[ד] ווי דער גמרא אין יומא פארציילט אז צוויי מענטשן זענען געקומען צו משה רבינו פאר א דין תורה, איינער האט גע'טענה'ט אז דער אנדערע האט איהם צוגענומען זיין עבד, אבער דער אנדערע האט גע'טענה'ט, "ניין, דו האסט מיר איהם פארקויפט". זאגט זיי משה, "ווארטס צו ביז אינדערפרי און מיר וועלן זעהן ווי דער איבריגע פארציע מן געפונט זיך. אויב וועלן מיר טרעפן נאך א פארציע מן ביים ערשטן בעה"ב, איז קלאהר אז דער אנדערע האט גע'גנב'ט זיין עבד און דערפאר איז דא אן איבריגע פארציע ביים ערשטן בעה"ב. אויב אבער, מיר וועלן געפונען א איבריגע פארציע ביים צווייטן בעה"ב, איז דער אמת מיטן צווייטן אז דער עבד איז טאקע פארקויפט געווארן."

בעומר איש איש מה שלקטו ומלאו שהמרבה ללקוט לא העדיף על עומר לגולגולת אשר באהלו והממעיט ללקוט לא מלא חסר מעומר לגולגולת וזהו נס גדול שנעשה בו.

דער מענטש האט געקענט זעהן ממש בחוש ווי זיין פרנסה איז באשטימט וויפיל ער קען האבן און וויפיל נישט.

## לאמיר זיך דאס פארשטעלן...

שטייט א איד מיט א קארב, ער ארבעט פעסט, ער לייגט אריין אן עומר נאך אן עומר, ער האט שוין ב"ה צוזאמגעקליבן ס"ה 14 עומר. ער קומט אהיים און געפונט נאר 9 עומר! ער שטייט פארוואונדערט, **"וואס האט דא פאסירט?!"**

צומארגנס, גייט ער נאכאמאל ארויס אבער דאס מאל איז ער מחליט, "היינט האלט איך נישט ביים ארבעטן!" ער הייבט אויף נאר 4 עומר און גייט אהיים. ווען ער קומט אהיים, געפונט ער 9 עומר, פיל מער פון וויפיל ער האט געקליבן. **"וואס האט דא פאסירט?!"**

דער איד שטייט אינגאנצן פארוואונדערט און טראכט, **"דאס הייסט אז מען האט פשוט לצנות געמאכט פון מיר!** איך טוה באמת גארנישט! עס איז בכלל נישט קיין נפק"מ וויפיל איך לייג אריין וויל ווען איך קום אהיים, טרעף איך סיווי די סכום וואס איך דארף: 9 עומר!!"

**אויב דער מענטש איז א חכם און א בעל בטחון,** גייט ער ארויס די נעקסטע טאג מיט א קליינטשיק קארב. ער געבט זיך איין בייג איין, לייגט אריין נישט מער ווי איין עומר אין זיין קארב און גייט אהיים, ער גייט דאך סיווי טרעפן גענוי וויפיל ער וועט דארפן...

**הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם לְאָכְלָה!!** יא, יא, דאס איז דער הייליגע ברויט! נישט ווי די פשוט'ע ברויט וואס לאזט א מענטש זיך איינרעדן אז ער איז דער וואס קען מחליט זיין אז געוואנדן לויט וויפיל ער ארבעט, אזויפיל גייט ער באקומען. ניין! די הייליגע ברויט מאכט אונז אנערקענען אז מיר זענען סך הכל נאר דער מקבל, דער משלח איז דער וואס איז מחליט וויפיל מען באקומט. דער הייליגע ברויט ווייזט אונז קלאר אז מען דארף נאר נעמען א קליינע פעקל און אהיים גיין וויל נישט קיין נפקא מינה וויפיל מען קלייבט, וועט מען נאך אלץ האבן די זעלבע ווען מען קומט אהיים!

## איך בין סטא"ק!

דער הייליגער מן האט געוויזן איינמאל און נאכאמאל פארן מענטש אז ער איז נישט מער ווי א קליין ארבעטער וואס ארבעט ביים אייבערשטן. יא, עס איז אמת אז מען הייסט אונז טוהן און מאכן, אבער סוף כל סוף איז דער בעה"ב דער וואס איז מחליט וויפיל אונזער געהאלט וועט זיין און עס וועט גארנישט העלפן אז מען ארבעט מער...

**און דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן ביי פרנסה, געדענקן ווער עס איז דער אמת'ע בעל הבית און ווער איז דער וואס איז מחליט וויפיל אונזער פע"י טשע"ק זאל זיין!**

**משל למהה"ד:** דער גרויסע גבור בארון רוטשילד האט אמאל אויפגענומען איינעם צו פירן זיינע געלטער, יענער זאל האלטן חשבון אויף אלע געלטער וואס קומען אריין און גייען ארויס, וועמען מען דארף באצאלן זאל יענער באצאלן, וכדומה. דער ממונה, זיצנדיג אויף אזא הויכע פאזיציע פאר אזא לאנגע צייט, איז געווארן ממש דעם יד ימין פונעם גרויסן עושר... און פירנדיג אזא גרויסע קאסע מיט פארצווייגטע געשעפטן, האט זיך דער יעניגער אויפגעהויבן דעם קאפ און אנגעהויבן פירן מעשה בעלות, ביז ער האט זיך שוין ממש געשפירט בעל הבית אליין און אנגעהויבן מזלזל זיין אין זיין אמת'א בעל הבית, בארון רוטשילד, פארגעסנדיג בכלל ווער האט אים געגעבן דער גרויסקייט.

בארון רוטשילד האט געזעהן דעם חורבן און נישט געווארט קיין סאך, נאר אים באלד געשיקט א כתב פיטורין און געבעטן ער זאל זיך טרעפן א צווייטע פאסטן ערגעץ אנדערש. דער ארבעטער האט פארלאזט דעם פלאץ אן קיין דאגות און מיט א זיכערקייט אז ער האט געגנוג און נאך מעגליכקייטן, "ווער דען וויל נישט נעמען דער גרויסע מנהל העסקים פון בארון רוטשילד?!"

אבער ווי נאר ער האט אנגעהויבן זיך איינגעבן ביי איין גרויסע געשעפט נאך צווייטן, האט ער כסדר צוריק באקומען דער תשובה, "אנטשולדיגט אבער מיר קענען אייך נישט אננעמען!"

יא, יא, דאס איז דער הייליגע ברויט! נישט ווי די פשוט'ע ברויט וואס לאזט א מענטש זיך איינרעדן אז ער איז דער וואס קען מחליט זיין אז געוואנדן לויט וויפיל ער ארבעט, אזויפיל גייט ער באקומען.

דער ארבעטער האט זיך זייער געוואונדערט, "עפעס שטומט נישט דא! קיינער וויל מיר נישט?! עס מוז זיין אז איינער שטעלט אונטער פיסלעך!" נאכן דערגריין די זאך, איז ער געוואור געווארן אז נישט קיין צווייטער ווי בארון רוטשילד אליין איז דער וואס מאכט זיכער מען זאל אים נישט אננעמען אין אנדערע פארבריקן...

אינגאנצן דערביטערט, איז ער ארומגעגאנגען מיט שטארקע טענות אויף דעם גבור, "וואס וויל ער האבן פון מיר..." אבער לרוב תמיהתו, צו וועמען ער האט גערעדט און דערציילט די מעשה, האט אים באלד גיזאגט, "אנטשולדיגט, אבער עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, יעדער ווייסט אז בארון רוטשילד איז זייער א גוטע מענטש, עס פאסט בכלל נישט פאר אים צו טוהן אזא זאך!"

"אלא מאי, מוז מען זאגן אז עפעס טיפער ליגט דא. ער וויל נישט באמת דו זאלסט אוועקגיין, ער דארף דיר האבן. ער האט הנאה געהאט פון דיין ארבעט און ער האט דיר בכלל נישט געוואלט פארשיקן. נאר וואס? ער האט פשוט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה מיט דיר, ער

האט דיר געמוזט אביסל צוברעכן. דערפאר, לאזט ער אלעמען וויסן אז מען זאל דיר נישט אננעמען און אזוי ארום, זאלסטו זיך בארעכענען און זיך מכניע זיין און צוריקגיין צו אים."

וכך הוי: דער ארבעטער איז תיכף צוריק צו זיין האר און געבעטן מיט תחנונים אז מען זאל אים מוחל זיין און אים מפייס געווען בהכנעה גמורה. בארון רוטשילד האט אים תיכף מקבל געווען בסבר פנים יפות און צוריק געשטעלט אויף זיין אמט פון פריער, בלייבנדיג אויף זיין פאזיציע פאר נאך פיל יארן...

**מוסר השכל:** זאגט הרה"צ ר' יעקב מאיר שליט"א: די מעשה האט א גרויסע לימוד: עס איז דא צייטן וואס א מענטש געפונט זיך אין א מצוקה ח"ו, עס גייט נישט, עס פארט נישט. מען דארף געלט, מען דארף א ישועה... אנשטאט א מענטש זאל ווערן אינגאנצן אנגעזעצט און טראכטן, "שוין, וואס זאל איך טוהן?!" זאל ער ענדערש טראכטן, "ווער טוט דאס צו מיר? דאס איז דאך דער גרויסע גבור אליין, א קל רחום וחנון, ער מיינט דאך זיכער נישט מיין שלעכטס!"

"דער גאנצע צער ועגמ"נ איז נאר פאר מיין טובה וועגן. דער אייבערשטער שפירט אז בין אביסל פארקראכן, איך האב פארגעסן פונעם בורא עולם און ער וויל מיר האלטן. דערפאר, מאכט ער מיר סטא"ק כדי איך זאל זיך צוריק דערמאנען פונעם הייליגן באשעפער און אזוי ארום, וועל איך זיך בעטן ביי איהם און תיכף וועט ער מיר טאקע מוחל זיין און צוריק גוט מאכן... ושב ורפא לו. דאס איז פשט: **"טוב לי כי עונתי למען אלמד חוקך"**... (ונכתב בספר ח"ב, מאת הרה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער, שליט"א)

יעדע איד דארף פרנסה אבער נישט יעדע איד איז זוכה צו פרנסה. ווען עס דריקט דיר דיין פרנסה, טראכט נישט גלייך אז דיין ארבעט איז שולדיג, נאר ענדערש טראכט אז דיין בטחון איז שולדיג!

און וויבאלד דער אייבערשטער האט געוואלט אז דער מענטש זאל כסדר האפן, בעטן און אים דאנקן און לויבן פאר זיין פרנסה, דערפאר האט ער אויסגעשטעלט אז דער מן זאל זיין **וְלָקְטוּ דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ...**

**פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געגעבן די מן אנהייב וואך פאר די גאנצע וואך?** ווייל דער אייבערשטער האט דוקא געוואלט עס זאל זיין אויף אן אופן פון **דבר יום ביומו**, יעדן טאג עקסטער. דערפאר, האט משה אנגעזאגט די אידן: **וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם אִישׁ אַל יוֹתֵר מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר.** (פסוק יט, עי' באוחה"ק.)

ווי דער רבי ר' מענדעלע זאגט: **בכדי לקבוע בליבות בני ישראל מידות הבטחון, שלא ידאגו כלל דאגת המחר, אלא יבטחו בו ית' שיספק להם גם למחרת את המן**[ה]**...** (ספר אילנא דחיי, בשלח ד"ה ויאמר ה', מהרה"ק רמ"מ מרימנוב) נאר אויף אזא אופן וועט דער בטחון בלייבן פעסט.

כדי זיי זאלן נישט פארגעסן ווער איז זייער אמת'ע פרנסה-געבער, איז געווען אסאך בעסער אז זיי זאלן נישט זיין אזוי מסודר. ווייל אויב מען וועט איבערלאזן פון איין טאג אויפן צווייטן, וועט זיין טעג וואס זיי וועלן זיך נישט ווענדן צו זייער בעה"ב און סך הכל נאר טראכן פון אים איין מאל א וואך!

מען דערציילט נאך פון אמאליגע ירושלים'ער אידן אז ווען עס איז ארויסגעקומען די עפינדונג פון די אייז קאסטענעס (אמאליגע סארט פרידזידער"ס) זענען געווען אועלבע דערהויבענע אידן וואס זענען געווען זייער פארוויטאגט, זאגנדיג, "דאס נעמט דאך אוועק אונזער גאנצע בטחון. ביז היינט האבן מיר געוואוסט אז דאס וואס מיר האבן אויף היינט, דאס האבן מיר! אבער פון היינט און ווייטער, וועלן מיר אנהייבן צו טראכטן וואס מיר קענען אוועקגעלייגן אויף מארגן!"

דאס וואלט סתם אזוי געווען גוט צו דערהערן אבער יעצט ווען מען רעדט פון די הייליגע ברויט איז דאס שוין א ציווי, "פארלאז זיך אויף מיר! איך האב דיר געגעבן היינט, איך וועל דיר געבן מארגן. **דו גלייבסט מיר נישט?** לאז איבער אביסל פון די מן און זעה בחוש וואס פאסירט..." **וַיּוֹתִרוּ אֲנָשִׁים מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר וַיָּרֻם תּוֹלָעִים וַיִּבְאַשׁ** (טז, כ). דאס איז הייליגע ברויט, עס איז נישט ווי די פשוט'ע ברויט וואס לאזט דיר איינרעדן...

**און דאס איז הלכות פרנסה:** אז מען ווייסט און מען פארשטייט אז **"הוא נותן לחם לכל בשר"**: אונזער פעולות איז נישט דאס וואס ברענגט די עסן, **הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם לְאָכְלָה**, נאר דער אייבערשטער איז דער וואס שיקט דאס, מיר דארפן ס"ה נאר אפנעמען אונזער פעקל! און אין דעם פעקל ליגט גענוי וויפיל מיר דארפן און פאר וויפיל צייט...

און דאס באמת האט דער אייבערשטער שוין באפוילן ביים ערשטן דיבור פון **אנכי ה' אלקיך**: נישט דו ביסט דער וואס קאנטראליר"ט די רעזולטאטן, נאר עס איז איז דא א בורא ומנהיג לכל הברואים. אבער פארט, וויבאלד דער מענטש טוט, דער מענטש מאכט און ער באקומט עפעס דערנאך, ווערט ער אביסל צומישט, "וואס טוט זיך דא? איך מאך יא אדער איך מאך נישט?!"

אבער דאס אלעס האט מען זיך געקענט איינרעדן נאר ביז די פרשת המן. פון די פרשת המן און ווייטער האט קיינער זיך שוין נישט געקענט איינרעדן ווייל דער אייבערשטער האט קלאר מגלה געווען לעין הכל "ווער איז דער וואס איז מחליט וויפיל מיר גייען באקומען..."

**א איד ארבעט פאר**

**השתדלות**

**א גוי ארבעט פאר**

**געלט**

---

[ה] וביאור בזה הכתוב: שאמר הקב"ה למשה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, ר"ל הנני בעל היכולת להמטיר לכם לחם מן השמים בפעם אחת שיספיק לכל ימי חייכם, אך אעפ"כ איני עושה כן אלא משפיע ליום אחד בלבד, שיהא "ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו", והטעם בכדי לקבוע בליבות בני ישראל מידות הבטחון....

# מוסר השכל:

## פרשת המן:

די שולחן ערוך שרייבט (סימן א' סעיף ה'). **טוב לומר פרשת העקידה ופרשת המן**, עס איז גוט צו זאגן יעדן אינדערפרי די פרשת העקידה און די פרשת המן. פארוואס? זאגט דער טורי זהב: **טעם הדבר כדי שיאמין האדם שכל מזונותיו באים בהשגחה מלעילא.** (ס"ק ד')

ד"מ: פרשת המן איז אונזער וועג-ווייזער לדורות, אונזער שולחן ערוך ווי אזוי א איד דארף לעבן בנוגע דער ענין פון פרנסה...

דער אייבערשטער האט דעמאלטס קלאר געוויסן בעיני הכל **פון וואו אונזער פרנסה קומט, פון אונזער דזשא"ב אדער פונעם אייבערשטער**, ווער איז דער וואס דארף ארבעטן שווער און ווער איז דער וואס דארף ארבעטן גרינג.

ווען עס איז זייער קלאר פאר דער מענטש אז אונזער השתדלות איז נישט דאס וואס איז קובע וויפיל געלט מען גייט פארדינען און אונזער ארבעט איז ס"ה ווי א סגולה וואס לאזט אונז נעמען אונזער אנגעגרייטע פעקל, און נאר דער אייבערשטער אליין איז דער וואס איז מחליט וויפיל עס גייט דארט ליגן, דעמאלטס פאלן אוועק אסאך שוועריקייטן אין דעם ענין פון פרנסה...

איך דארף נישט ארבעטן יותר כפי יכולתי...
איך דארף נישט ארבעטן  חול המועד אדער פרייטיג נאך חצות...
איך דארף נישט זיך חנפ'נען אדער עובר זיין אויף קיין שום איסור...

און...

איך דארף יא געבן מעשר...
איך דארף יא אינזין האבן ביי ברך עלינו...
איך דארף יא זאגן פרשת המן יעדן טאג...

איך דארף זיך נישט חנפ'נען צו קיינעם, איך דארף נישט עובר זיין אויף קיין שום איסור צוליב מיין פרנסה. נאר אדרבה, ווי מער געטריי איך בין צו מיין טאטען אין הימל, אלץ מער וועל איך באקומען פון אים און פארקערט, ווי מער געטריי איך בין צו מיין ארבעט, אלץ וויניגער וועל איך באקומען...

**זאגט דער כתב סופר:** פונקט ווי בימי ירמיהו, האט ירמיהו אפגעענטפערט דער קשיא: נניח מלאכתנו ונעסוק בתורה, מהיכן נתפרנס? צייגנדיג דעם פלעשל מן וואס זאגט, **"ר' איד, ווער געבט דיר פרנסה? דער אייבערשטער אדער דיין ארבעט?"** ווער עס טוט דעם רצון השם, דערלייגט נישט!

אזוי אויך, איז דאס דער תירוץ פאר פיל קשיות וואס א מענטש קען פרעגן בעת קיום המצוות, כגון במצוות שמיטה, שמירת שבת, חול המועד. "ר' איד, דו דערלייגסט גארנישט! דערמאן זיך פון דער מן, נישט דיין ארבעט געבט דיר פרנסה, נאר דער אייבערשטער געבט דיר פרנסה..."

דורך זאגן פרשת המן, וועט מען אנהייבן גלייבן אז אלע אונזערע פארדינסטן און פארלוסטן ווערן געפירט פון אויבן און **נישט** דורך אונזער ארבעט, חכמות אדער טעותים!!!

און דאס איז דער ענין פון זאגן פרשת המן, ווי דער משנ"ב שרייבט אויף דעם מחבר: **להורות שריבוי ההשתדלות לא יועיל מאומה, כפי שמצינו במן שהמרבה לא העדיף, והממעיט לא החסיר**, יעדער האט באקומען פונקט אן עומר, פונקט גענוג פאר יעדע מענטש אין זיין שטוב, **כאשר נקצב לו מן השמים**.

און אויב אונזער פע"י שטעי"ק טוישט זיך נישט, זאגט דער משנ"ב (ס"ק ג'): **מה יתן לו ומה יוסיף לו ריבוי ההשתדלות**, פארוואס פעלט אויס אזויפיל צו ארבעטן? מען גייט דאך סיי ווי נישט פארדינען מער צוליב דעם! **אדרבה, אף אם לא ירבה בהשתדלות, ישלים לו הבורא מזונותיו כפי הנקצב לו.**

אפילו ווען מען ארבעט נישט אזוי פיל (און די איבריגע צייט ניצט מען אויס לעבודת ה'), וועט דער אייבערשטער משלים זיין די סכום וואס איז אונז באשטימט געווארן.

מען דארף זאגן און חזר'ן פרשת המן יעדן טאג און אריינעמען אין זיך די לימוד פון ווער איז דער אמת'ע בעל הבית, ועי"ז וועט מען זוכה זיין צו דאס וואס דער רבינו בחיי זאגט (ק' טז'): עס איז מקובל ביי די חכמים **כי כל האומר פרשת המן בכל יום מובטח לו שלא יבוא לעולם לידי חסרון מזונות**, איינער וואס זאגט פרשת המן יעדן טאג, "מובטח לו", אז ער וועט "קיינמאל" נישט צוקומען צו א מצב פון ענגשאפט אין פרנסה.

וואס קען דען זיין א בעסערע ביזנע"ס ווי דעם? זאגן פרשת המן מיט אמונה ובטחון איז מובטח לו שלא יבוא לעולם לידי חסרון מזונות. דאס איז נישט סתם א ברכה, נאר א צוזאג און אזוי ברענגט אויך דער תשב"ץ (רנ"ז) בשם הירושלמי: "**כל האומר פרשת המן בכל יום מובטח לו שלא יתמעטו מזונותיו**. און דער תשב"ץ ענדיגט צו: **ואני ערב לו...** איך בין ערבות אויף די הבטחה.

ווייל פרשת המן איז אונז מגלה ווער עס איז דער אמת'ע בעה"ב און וואס מיר דארפן טוהן צו ווערן באצאלט!

# מעשה רב

**אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ עֹמֶר לַגֻּלְגֹּלֶת.**

רבי משה קרעמער זצוק"ל, די ויידע פונעם גר"א מווילנא, איז אויפגענומען געווארן צו זיין רב אינעם שטאט ווילנא. דער סדר איז געווען אז די רב באקומט א געוויסע געהאלט מדי חודש בחדשו.
רבי משה אבער, האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין געהאלט, נאר ענדערש געוואלט צוען זיין פרנסה פון זיין קליין געוועלבל וואס זיין עקרב הבית האט געפירט.
קיין גרויסע פרנסה איז דאס נישט געווען, אבער עפעס האט דאס אריינגעברענגט. די בני הקהילה, וועלנדיג מפרנס זיין זייער רב בדרך כבוד, האבן אלע אנגעהויבן איינקויפן דארט.
ווי נאר רבי משה איז דאס געוואויר געווארן, האט ער אנגעזאגט זיין ווייב, "איך בעט דיר, ווען דו זעהסט אז דו האסט שוין פארדינט גענוג געלט, וויפיל די דארפסט פארן היינטיגן טאג, זאלסטו פארמאכן דאס געשעפט", דערמאנענדיג דערביי די פסוק לִקְטוּ מִמֶּנּוּ אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ עֹמֶר לַגֻּלְגֹּלֶת. "א מענטש דארף עוסק זיין אין פרנסה, נאר אזויפיל וויפיל ער דארף פאר יענעם טאג און נישט מער!"



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com